**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/8/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער צווייטע סירקוט געריכט אורטייל היטנדיג אויף צענטראלע עלעמענטן פון ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע 'קאנסיעלד קערי' געזעצן**

"נאכפאלגנדיג א זינלאזע סופרים געריכט אורטייל וואס האט אוועקגעריסן א וויכטיגע כלי וואס איך האב געהאט, אלס גאווערנער, צו באשיצן ניו יארקער פון גאן פארברעכן, האב איך געארבעט מיט די לעגיסלאטור צו שרייבן לאנד'ס-פירנדע 'קאנסיעלד קערי' (טראגן א וואפן באהאלטענערהייט) געזעצן צו באשיצן די פובליק זיכערהייט. די געזעצן האבן איינגעפירט שכל"דיגע שוץ מאסנאמען צו פארשטערקערן הונטערגרונט אונטערזוכונגען, צו באשיצן עמפינדליכע פלעצער און זיכער מאכן אז פערמיטס ווערן ארויסגעגעבן פאראנטווארטליכערהייט. יעצט, אפילו א יאר נאך די לעגאלע איבערפאל פון רעכטע עקסטרעמיסטן, בלייבן צענטראלע עלמענטן פון אונזערע געזעצן אין קראפט, נאכפאלגנדיג די היינטיגע אורטייל פון די פאראייניגטע שטאטן געריכט פון אפיעלס פאר די צווייטע סירקוט. פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און איך וועל פארזעצן מיט מיינע באמיאונגען צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער |press.office@exec.ny.gov |518.474.8418